# היים ענערגיע הילף פראגראם
# קוואליפיצירטע נישט-בירגער

<u>א קוואליפיצירטער נישט-בירגער איז איינער וואס פאסט זיך צו, צו די פאלגנדע פאדערונגען:</u>

- געשאנקענע פערמענאנטע איינוואוינער נישט-בירגער סטאטוס לויטן אימיגראציע און נאציאנאליטעט אקט (INA); אדער
- האט באקומען אזילרעכט אונטער אפטיילונג 208 פונעם INA; אדער
- א פליט וועלכע איז אריינגעלאזט געווארן אין די פאראייניגטע שטאטן לויטן אפטיילונג 207 פונעם INA; אדער
- פּאַראָלירט געווארן צו די פאראייניגטע שטאטן אונטער אפטיילונג 212(d)(5) פונעם אימיגראציע און נאציאנאליטעט געזעץ (INA) פאר א פעריאד פון כאטש איין יאר; אדער
- איינע וועמען'ס דעפארטאציע איז צוריקגעהאלטן געווארן אונטער אפטיילונג 243(h) פונעם INA לויט'ן תוקף פון פאר אפריל 1, 1997; אדער אויב דאס אוועקפירן איז אפגעהאלטן געווארן אונטער אפטיילונג 241(b)(3) פונעם INA; אדער
- געגעבן געווארן באדינגיגע איינטריט לויטן אפטיילונג 203(a)(7) פונם INA און איז אפעקטירט געוורן פאר אפריל 1, 1980; אדער
- ערלויבטע סטאטוס אלץ א קובאנער אדער האיטיער אריינקומער, ווי אפגעטייטשט אין אפטיילונג 501(e) פון דעם פליט בילדונג הילף אקט פון 1980; אדער
- געוויסע געשלאגענע נישט-בירגער אדער נישט-בירגער וואס זענען קרבנות פון מענטשן-האנדלען לויט ווי עס איז דעפינירט אין 8 U.S.C. 1641(c); אדער
- א צפון אמעריקאנער אינדיאנער געבוירן אין קאנאדע צו וועמען די באדינגונגען פון אפטיילונג 289 פון דער אימיגראציע און נאציאנאליטעט אקט גילטן; אדער
- מיטגלידער פון א פעדעראל-אנערקענטער אינדיאנער שבט, ווי דעפינירט אין אפטיילונג 4(e) פונעם אינדיאנער זעלבסט-באשטימונג און בילדונג הילף אקט (25 U.S.C. 5304(e)), וואס זענען געבוירן געווארן אויסער די פאראייניגטע שטאטן; אדער
- אריינגעלאזט אין די פאראייניגטע שטאטן אלץ אמעריקאנער-אזיאנער אימיגראנטן ווי ערקלערט אין טייל 402(a)(2)(A)(i)(V) פון דער פערזענליכע פאראנטווארטליכקייט אקט און ארבעט געלעגנהייט אויסשטימונג אקט פון 1996 ((8 U. S. C. 1612(a)(2)(A)(v)); אדער
- געוויסע המאנג אדער הייל‏ענד לאַאושן שבט מיטגלידער; אדער
- אקטיווע מיליטערישע דינסט, אויסער אקטיווע דינסט זיך אויסצולערנען, אין די פאראייניגטע שטאטן באוואפנטע כוחות, אדער זייער זיווג, נישט נאכאמאל חתונה געהאט איבערגעלאזטע זיווג, אדער נישט פארהייראטע קינדער אויף אויסהאלט פון אזעלכע נישט-בירגער אויב דער זיווג אדער קינדער אויף אויסהאלט זענען אויך קוואליפיצירטע נישט-בירגער; אדער

- קוואליפיצירטע נישט-בירגער וואס זענען וועטעראנען און וואס (1) האבן באקומען א באפרייאונג פון די פאראייניגטע שטאטן באוואפנטע כוחות כאראקטעריזירט אלס ערענהאפטיג און נישט צוליב זייענדיג אן אויסלענדישער, אדער (2) האט א קוואליפיצירנדע צושטאנד, ווי ערקלערט אין טייל 350 פון דער ניו יארק סטעיט עקזעקיוטיוו געזעץ, און האט באקומען א באפרייאונג אויסער פאר בייזע אויפפירעכץ אדער א שענדלעכן (און נישט פאר׳ן סיבה פון זיין אן אויסלענדישער) פון די באוואפענטע כוחות, אדער (3) זענען באפרייט אלץ LGBT וועטעראן, ווי ערקלערט אין טייל 350 פון דער ניו יארק סטעיט עקזעקיוטיווע געזעץ, און האט באקומען א באפרייאונג, אויסער פאר בייזע אויפפירעכץ אדער שענדלעך (און נישט פאר׳ן סיבה פון זיין אן אויסלענדישער) פון די באוואפענטע כוחות; אדער זייער זיווג, אדער נישט נאכאמאל חתונה-געהאט איבערגעלאזטע זיווג, אדער אומפארהייראטע קינדער אויף אויסהאלט אויב דער זיווג אדער נישט פארהייראטע קינדער אויף אויסהאלט  זענען אויך אויסלענדישע אין א קוואליפיצירנדע סטאטוס; אדער

- געשאנקענע אפגאן הומאניטארישע פאראלירטע לויטן אפטייל 212(d)(5)(A) פון דער אימיגראציע און נאציאנליטעט אקט וואס זענען (1) פאראלירט צו די פאראייניגטע שטאטן צווישן יולי 31, 2021 און סעפטעמבער 30, 2022, אדער (2) פאראלירט צו די פאראייניגטע שטאטן נאך סעפטעמבער 30, 2022 און זענען: (a) דער זיווג אדער קינד פון דעם עוואקואירטע פון אפגאניסטאן וואס איז פאראלירט געווארן צווישן יולי 31, 2021 און סעפטעמבער 30, 2022, אדער (b) איינע פון די עלטערן אדער לעגאלע גארדיען פון אן אומבאגלייטן קינד וואס איז פאראלירט געווארן צווישן יולי 31, 2021 און סעפטעמבער 30, 2022; אדער

- א קרבן פון א שווערע סארט מענטשן-האנדל וואס האבן באקומען א צייגעניש אדער פאסיגקייט בריוו ׳פון די פאראייניגטע שטאטן דעפארטמענט אָוו העלט און מענטשישע סערוויסעס׳ אין הסכם מיט די קרבנות פון מעטשן-האנדלען און געוואלד-טאטן פראטעקציע אקט פון 2000, אזוי ווי אמענדירט; אדער

- געשאנקענע אוקריינע הומאניטארישע פאראלירטע לויטן אפטייל 212(d)(5) פון דער אימיגראציע און נאציאנאליטעט אקט אדער 8 U. S. C. 1182(d)(5) וואס זענען (1) פאראלירט געווארן צו די פאראייניגטע שטאטן צווישן פעברואר 24, 2022 און סעפטעמבער 30, 2023, אדער (2) פאראלירט געווארן צו די פאראייניגטע שטאטן נאך סעפטעמבער 30, 2023 און זענען: (a) דער זיווג אדער קינד פון א בירגער פון אוקראין אדער א מענטש וואס האט בדרך כלל געוואוינט אין אוקראין, פאראלירט געווארן צווישן פעברואר 24, 2022 און סעפטעמבער 30, 2023, אדער (b) איינע פון די עלטערן, לעגאלע גארדיען, אדער דער הויפט אכטונגעבער פון אן אומבאגלייטן קינד וואס איז אן אוקראינער בירגער און דאס קינד איז פאראלירט געווארן צווישן פעברואר 24, 2022 און סעפטעמבער 30, 2023; אדער

- איראקישער אדער אפגאניסטאנער געבוירענע געגעבן געווארן ספעציעלע אימיגראנט סטאטוס אונטער טייל 101(a)(27) פון דער אימיגראציע און נאציאנאליטעט אקט אדער אפטיילונג 602(b)(1) פון דער אפגאניסטאנע אליאירטע באשיצונג אקט פון 2009 (AAPA)/טייל 1059(a) פון דער נאציאנאלע באשיצונג אויטאריזירונג אקט פון 2006 (NDAA).